NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05842

30 LIDER FAR KINDER

M. Limone

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-05842-4

9780657058425T.PS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

מ. לימאנע

30 לידער פאר קינדער

ווייסרוסלענדישער מעלוכע־פארלאג
מינסק — 1928

30 לידער
פֿאַר קינדער

געזאַמלט און באַאַרבעט

מ. לימאָנע

ווייסרוטלענדישער מעלוכע־פֿאַרלאַג
מינסק — 1928

באַשטעלונג 471. טיראַזש 1500. גלאַװליטבעל 25890.

מינסק, 1-טע דרוקערײַ פֿון װײַסרוסלענדישן מעלוכע-פֿאַרלאַג.

פֿאָרוואָרט.

ס'איז באַוווּסט, וואָס פֿאַר אַ ראָל שפּילט אַ ליד אין לעבן פֿון קינדער-גאָרטן. לויט זיין אינהאַלט און מעלאָדיע דאַרף עס זיין צוגעפּאַסט צו דעם פֿאָרשול-עלטער. אַחוץ דעם טאָר אַ ליד ניט זיין אָפּגעריסן פֿון דעם, וואָס די קינדער אין דעם אָדער יענעם מאָמענט לעבן איבער, און אָפּשפּיגלען אַלע מאָמענטן פֿון שפּיל און אַרבעט.

די פֿאָרשול-אַנשטאַלטן, אַריבערגייענדיק צו דער קאָמפּלעקס-סיסטעם אין דער אַרבעט, האָבן דערפֿילט אַ געוויסע נויטווענדיקייט אין אַזעלכע לידער, וועלכע זאָלן אַנטשפּרעכן די פֿאָדערונגען פֿון דער פּראָגראַם.

די זאַמלונג „דרייסיק לידער פֿאַר קינדער", וועלכע איך לייג פֿאָר פֿאַר די פּראַקטישע אַרבעטער פֿון פֿאָרשול-אַנשטאַלטן און יינגערע שול-גרופּן, שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ פּרוּוו — אין אַ געוויסער מאָס פֿאַרפֿילן דעם מאַנגל אַף דעם געביט.

די לידער „הויבט אויף די פֿאָנעס", „פֿרילינג אין גאָרטן" און „אַ ליד פֿון ערשטן מאַי" זיינען איבערגעזעצט געוואָרן פֿון רוסיש. די רעשט לידער זיינען טיילוויז געשאַפֿן, טיילוויז פֿאַרשריבן און איבערגעאַרבעט געוואָרן בײַ דער פּראַקטישער אַרבעט מיט קינדער.

די לידער: „מיר וואַקסן יונגע פּיאָנערן" און „ניט ווייט איז שוין דער פֿרילינג" זיינען אַביסל שווער פֿאַר דעם פֿאָרשול-עלטער, נאָר די קינדער פֿון יינגערע שול-גרופּן נעמען זיי גוט אויף.

מיין ציל וועט זיין דערגרייכט, אז די „דרייסיק לידער פֿאַר קינדער" וועלן עטוואָס רייכער מאַכן דעם לידער-רעפּערטואַר פֿון קינדער-גאָרטן און אין אַ געוויסער מאָס אויסהעלפֿן די אָנפֿירער אין דער אַרבעט.

מ. לימאַנע.

1. אין קינדער-גאָרטן.



1

איך שטיי אויף גאַנץ פרי,
איך טו מיר אָן געשווינדער,
לויף איך גיך אין קינדער-גאָרטן
גלייך מיט אַלע קינדער.

2

מיר אַרבעטן דאָרט,
מיר לעזן און מיר שרייבן.
ווילן מיר אין קינדער-גאָרטן
אַ גאַנצן טאָג פאַרבלייבן.

3

וואַשן, קערן דאַרפֿן מיר,
אַ לעבעדיק ווינקל האָבן מיר,
האָבן מיר אַ העזל
מיט אַ קורצן נעזל.

אַ קעצעלע אַ ברעקעלע,
מיט אַ גרויען עקעלע,
און אין שטאַל א ציגעלע
מאַכט מע-מע ...

2. א וויגליד דער קליינער שוועסטער.



שלאָף, מיין שוועסטער,
שלאָף, מיין קליינע,
ס'איז שיים צייט אַף רו,
כ'וועל דיר זינגען
לידער שיינע —
מאך די אויגעלעך צו. (2 מאל)
אַליע-ליו-ליע ...

3. אין גאָרטן.



1

ענדיקט זיך דער זומער שיים,
מיר אַרבעטן אין גאָרטן,
עפּל פֿול אַף יעדער בוים
אויסגעוואַקסן דאָרטן.

2

קלייבן אויבסן אַלערליי
מיר פֿון יעדער ביים,
מערן, בוריקעס און קרויט
אַף ווינטער אָנגעגרייט.

4. האַרבסט.



1

פֿליִען געלע בלעטער,
פֿאַלן אַפֿן וועג,
ווערט שוין שלעכט דער וועטער, } 2 מאָל
ווערן קורץ די טעג.

2

פֿליִען אָפּ די פֿויגלען,
ליידיק שטייט דער וואַלד,
אַוועק דער ליבער זומער, } 2 מאָל
האַרבסט געקומען ... .ד.

5. א יינגעלע און א פייגעלע.



1

זאָג פֿאַרוואָס דו פֿליסט אַוועק,
פֿייגעלע דו קליין,
לאָזט זיך אין אַ ווייטער וועג, } 2 מאָל
און פֿאַרלאָזט דיין היים ?

2

ווייל עס קומט דער ווינטער אָן
מיט די פֿרעסט און קעלט,
האָב איך דאָ ניט וואָס צו טאָן, } 2 מאָל
איך פֿליִ אין ווייטער וועלט.

3

ווי ס׳וועט זיין דאָ אומעטיק,
פייגעלע, אָן דיר,
בלייב זשע דאַרכן נאָר ניט לאַנג,
גיכער קום צו מיר.
} 2 מאָל

4

גיט דער פרילינג נאָר אַ בליק,
גיט די זון אַ שיין,
קום איך ווידער דאָ צוריק,
ייִנגעלע דו מיין.
} 2 מאָל

6. אָקטיאַבר.



1

מיר, רויטע שטערן, יונג און פריי,
דעם אַרבעטער געטריי,
דעם פּיאָנער פאַרבייטן
גייען מיר אין ריי.

2

מיט פעסטע טריט, און הויך דעם קאָפּ,
פון גרויסע שטייען מיר ניט אָפּ,
מיר, רויטע שטערן, יונג און פריי,
אָקטיאַבר בלייבן טריי.

3

מיר דאַרפן נאָר געדענקען
אָן די אָקטיאַבר-טעג
אַרבעטן, זיך לערנען
און גיין אין לעניִנס וועג!

4

מיט פעסטע טריט און הויך דעם קאָפּ,
פון גרויסע שטייען מיר ניט אָפּ,
מיר, רויטע שטערן, יונג און פריי,
אָקטיאַבר בלייבן טריי!

7. הויבט אויף די פאָנעס.



1

הויבט אויף די פאָנעס——
גיכער, געשווינדער
מיר — פיאָנערן
אַרבעטער-קינדער

צוזאַמען, צוזאַמען,
די פאָנע איז רויט,
קעמפן און בויען
זיינען מיר גרייט!

2

מיר פיאָנערן,
יונגע און פרייע,
אַלע צוזאַמען
אין אַרבעט און קאַמף,

מיר זיינען קינדער
פון אַרבעט און נויט,
קעמפן און בויען
זיינען מיר גרייט!

3

פריילעך מיט לידער,
גרויס אין דער צאָל,
אַלע צוזאַמען
צום קאָמסאָמאָל.

צוזאַמען, צוזאַמען,
די פאָנע איז רויט,
קעמפן און בויען
זיינען מיר גרייט.

8. מיר וואַקסן יונגע פּיאָנערן.



1

מיר וואַקסן יונגע פּיאָנערן,
מיר דאַרפֿן לערנען זיך גאַנץ פֿיל,
מיר זאָלן שטאַרק און מוטיק ווערן } 2 מאל
און דערגרייכן אונדזער ציל.

2

מיר זיינען קינדער פֿון די מאַ[illegible]
מיט אַרבעט זיינען מיר באַקאַנט.
מיר דאַרפֿן שטענדיק אַרבעט ליבן } 2 מאל
צו אַרבעטן אין אונדזער לאַנד.

3

מיר וועלן באַלד מיט זיך פֿאַרבייטן
אַט די, וואָס גייען אין קאָמסאָמאָל.
די פּיאָנערן ווערן שטאַרקער, } 2 מאל
און ווערן רייכער אין דער צאָל.

9. פּיאָנערן מוזן האָבן.





1

פּיאָנערן מוזן האָבן
אַ פּייקעלע צום גיין,
ס'איז אויך פֿאַר קליינע קינדער
אַ פּייקעלע גאַנץ שיין,
טראם-ראם, טראם-ראם...

2

פּיאָנערן מוזן האָבן
אַ פֿאָנעלע צום גיין,
ס'איז אויך פֿאַר קליינע קינדער
אַ פֿאָנעלע גאַנץ שיין.
או-ראַ, או-ראַ...

3

פּיאָנערן מוזן האָבן
אַ טרייבעלע צום גיין,
ס'איז אויך פֿאַר קליינע קינדער
אַ טרייבעלע גאַנץ שיין.
טרו-רו... טרו-רו...

10. אַ ליד וועגן ריינקייט.



1

ריינקייט היטן
דאַרף מען גערן,
אום געזונט
און שטאַרק צו ווערן
יאָ!

2

מיר דאַרפֿן
יעדער טאָג זיך וואַשן,
האָבן טיכלעך
אין די טאַשן.
יאָ!

3

ריין די ציםערן
צו קערן,
און די נעגל
אָפּטער שערן.
יאָ!

4

פרישע לופט
מיר דאַרפן האָבן,
שטענדיק ריינע
קליידער טראָגן.
יאָ!

5

שלאָפן לייגן זיך
ניט שפעט,
און ניט ליגן
לאנג אין בעט.
יאָ!

6

פון געזונטע
רויטע שטערן
וואַקסן שטאַרקע
פיאָנערן.
יאָ!

11. באַלמעלאכעס.



1

דאַרפסטע האָבן בגאָדים,
גיי אַוועק צום שניידער.
מיט אַ נאָדל פאָדים
נייט ער שיינע קליידער.

שניידער, שניידער, שניידער,
אַ באַל-מעלאָכע ביסטע דאָך
מיט אַ נאָדל פאָדים
אָט אַזוי נייסטע דאָך.

2

גיי אַוועק צום שוסטער
ווען דו דאַרפסט נאָך שיך.
מיטן נאָל און דראַטווע
אַרבעט ער גאָר גיך.

שוסטער, שוסטער, שוסטער,
אַ באַלמעלאָכע ביסטע דאָך,
מיטן נאָל און דראַטווע
אָט אַזוי אַרבעטסט דאָך.

3

דאַרפסטע האָבן מעבל, –
גיי אַוועק צום סטאָלער.
מיטן זעג און העבל
איז ער גיט קיין פוילער.

סטאָלער, סטאָלער, סטאָלער,
אַ באַלמעלאָכע ביסטע דאָך,
מיטן זעג און העבל
אָט אַזוי אַרבעטסט דאָך.

4

דאַרפסטע שמידן רעדער,
גיי אַוועק צום שמידער,
מיטן האַמער, בלאָזאַק,
ווערט ער גאָר גיט מיד

שמידער, שמידער, שמידער,
אַ באַלמעלאָכע ביסטע דאָך,
מיטן האַמער, בלאָזאַק
אָט אַזוי אַרבעטסט דאָך.

12. האָלץ.



1

קומט דער ווינטער, ווערט שוין קאַלט
אָטאָ פירט מען האָלץ פון וואַלד,
עפנט גיך דעם טויער ברייט,
זעגן האָלץ פאַר אונדז אַ פרייד,
פריי און שטאָלץ, פריי און שטאָלץ, } 2 מאָל
אָטאָ זעגן מיר די האָלץ

2

אַרבעט איז פאַר אונדז אַ פרייד,
האַקן האָלץ מיר זיינען גרייט,
אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס,
האַלט זיך שטייפער אַף די פיס.
פריי און שטאָלץ, פריי און שטאָלץ, } 2 מאָל
אָטאָ האַקן מיר די האָלץ.

13. אַ שנייעלע פליט.



1

אַ שנייעלע פליט,
אַ שנייעלע פאַלט,
די שנייען פאַרשיטן
דעם פעלד און דעם וואַלד } 2 מאָל

2

דאָס טייכעלע פרירט,
דאָס טייכעלע שטייט,
דאָס קלאָרינקע טייכל
מיט שנייען פאַרוויט. } 2 מאָל

3

די דעכעלעך ווייס,
די פענצטער מיט אייז,
אין גערטל באַם שטיבל
אַ ראָב זוכט זיך שפייז. } 2 מאָל

4

דער ראָב שרייט קראַ-קראַ,
אַ לאָשן אַזא,
ראָב, נאַ דיר אַ קיכעלע
טרא-לאַ-לאַ-לאַ!

14. שנייעלעך און שליטעלעך.



1

שנייעלעך און שנייעלעך
שיטן זיך און שיטן,
בעטן אויס א ווייסע וועג,
ווינטער פאַר דעם שליטן } 2 מאָל

2

שליטעלעך אין ווייסן שניי,
שליטלען זיך געשווינד און פריי,
און די פערדעלעך לויפן האָפ
אין דעם טיפן שניי גאַלאָפ. } 2 מאָל

3

שנייעלעך און שליטעלעך,
קינדערלעך אינמיטן,
מאכן ווייסע קייקעלעך,) 2 מאל
ווארפן זיך און שיטן.)

4

שליטעלעך אין ווייסן שניי,
שליטלען זיך געשווינד און פריי,
און די פערדעלעך לויפן האפ) 2 מאל
אין דעם טיפן שניי גאלאפ.)

15. פון שניי-בערגל.



1

פריילעך איז אין קאלטן ווינטער,
קנייפט דער פראסט די בעקעלעך,
פון א בערגל קליינע קינדער
גליטשן זיך אף שליטעלעך.

2

און א שניי, ווי פוך א ווייסער,
פון דעם הימל פאלט און פאלט,
פריילעך לאכט די קליינע כעוורע,
כאטש עס איז אין פיסלעך קאלט.

16. אלע דעכעלעך ווייס.





1

אַלע דעכעלעך ווייס,
און די פענצטער מיט אייז,
און די שנייעלעך טאַנצן און שוועבן,
מיינע גליטשערס כאַפּ איך
און צום גליטש לויף איך גיך,
דאָרט איז שוין א פריילעכער לעבן.

2

גייען קינדער זאַלבאַנאַנד,
האלטן זיך האנט ביי האַנט,
און מען גליטשט זיך מיט פריילעכע לידער
און אז עמיצער פאַלט,
איז ניט גרויס דער געוואַלט,
מ׳שטייט אוף און מ׳גליטשט זיך באַלד
ווידער.

3

אַז מען גליטשט זיך גוט אָן,
ווייס מען אויך וואָס צו טאָן,
פון די שניי מאַכט מען קייקעלעך קליינע,
און עס גייט אַ גאַלאָפּ,
און מען וואַרפט זיך אין קאָפּ.
אַזוי שפילן זיך קינדערלעך קליינע.

17. אין טאג פון לעגינס טויט.





1

ס'איז געשטאָרבן אונדזער לענין,
און ער ליגט אין מאוזאָלעי...
און מיט רויטע—שוואַרצע פאָנעס ⎫
גייען קינדער—איינס און צוויי. ⎭ 2 מאָל

2

אלע קינדער אין די רייען,
לאָמיר גיין מיט פעסטע טריט.
קינדער, קינדער, לענינס קינדער. ⎫
לאָמיר זינגען א טרויער-ליד. ⎭ 2 מאָל

3

האָבן אונדזער קינדער-גאָרטן
רויטע פאָנעס היינט באהעלט...
לענין איז געווען אַ פירער, ⎫
לענין איז געווען א העלד! ⎭ 2 מאָל

18. דער סאָף פון ווינטער.





1

דו. בייזער ווינטער. טראָג זיך אָפּ,
דיין שניי און קעלט נעם מיט.
באַלד קומט דער פרילינג אין גאלאָפּ
און יאָגט דיר טריט בא טריט.

2

דו ווילסט ניט גיין, ביסט איינגעשפּאַרט,
און פרווסט נאָך מאַכן קאלט?
גערענק-זשע, אַקשן, וואַרט נאָר וואַרט.
די זון צושמעלצט דיך באלד.

19. ניט ווייט איז שוין דער פרילינג.



1

ניט ווייט איז שוין דער פרילינג,
ס'וועלן זומער פייגלען שפרינגען,
אין נייע נעסטן נייע פייגלען
וועלן נייע לידער זינגען. } 2 מאל

2

און די קעלט וועט זיין פאַרשוווּנדן,
און די וואָלקנס אויך צורונען,
בלוי וועט ווידער זיין דער הימל,
נייע שטערנס, נייע זונען. } 2 מאל

3

נייע רויזן, נייע בלומען,
וועקט דער פרילינג זיסער אויף,
עס וועט בליען, שמעקן, זינגען,
און אין אונדזער גערטל אויך. } 2 מאל

20. אָנהויב פרילינג.



1

די זון שיט מיט שטראַלן,
דעם ווינטער אַ סאָף,
עס גרייט שוין זיין סאָכע | 2 מאָל
דער פויער אין דאָרף |

2

די בוימער אין קנאספן,
אַלץ שמייכלט און קוועלט,
עס טרייבט-שוין דער פאסטעך, | 2 מאָל
בעהיימעס אין פעלד. |

3

דאָס טייכל געשטאַנען
פון שניי שטיל און ווייס,
און איצט איז אינגאַנצן | 2 מאָל
צושווומען דער אייז. |

4

דאָס וואַסער, זעט, הויבט זיך.
ביזן בריקל דערלאַנגט...
נעמט, קינדער, די שליט-שיך, | 2 מאָל
באַהאַלט זיי אַף לאַנג. |

21. דער פרילינג.





1

דאָס שניי-בערגל פליסט,
פון די דעכעלעך גיסט,
און הייבעלעך לויפן און זשומען,
דאָס גרעזעלע גרינט,
דאָס פייגעלע זינגט,
דאָס איז דער פרילינג געקומען.

2

דער הימל איז בלאָ,
דאָס בלימל מיט טאָ,
געטוג שוין אין צימער צו זיצן,
אין דרויסן איז גוט,
מיט פרייד און מיט מוט,
לאָמיר דעם פרילינג אויסנוצן.

3

מיר דאַרפן זיך גרייטן,
באארבעטן בייטן
און מאכן וואָס בעסער דעם גאָרטן,
מיר אַרבעטן גערן
פאַרזיים וועט דאָרט ווערן,
זוימען אַלערליי סאָרטן.

22. זינגט פון פרילינג.





1

העלע שטראַלן שיקט די זון,
דער וועטער איז וואַרעם, שיין,
פאַרביי געגאַנגען איז דער ווינטער
צוגאַנגען איז דער שניי.

2

זינגט פון פרילינג,
זינגט פון פרייהייט.
זינגט פון הימל-בלאָ;
זינגט פון גרעזעלעך,
זינגט פון בלעטעלעך,
זינגט, דער פרילינג איז דאָ!

3

אַף די פעלדער,
אין די וועלדער,
אַף די צווייגעלעך,
בויען נעסטעלעך,
זינגען פריילעך,
אַלע פייגעלעך.

4

זינגט פון פרילינג,
זינגט פון פרייהייט,
זינגט פון הימל-בלאָ;
זינגט פון גרעזעלעך,
זינגט פון בלעטעלעך,
זינגט דער פרילינג איז דאָ.

23. די בינען.





1

נאָך דעם לאַנגן, קאַלטן ווינטער
קומט דער פרילינג ווידער.
שטייען אויף די קליינע בינען
ציען אויס די גלידער.

זום, זום, זום, זום-זום-זום,
זום, זום, זום, זום, זום-זום.
שטייען אויף די קליינע בינען
ציען אויף די גלידער.

2

וועלדער רוישן, פעלדער גרינען,
אַלע בלומען בליען,
און די קליינע, פלינקע בינען
אין די פעלדער פליען.

זום, זום, זום, זום-זום-זום,
זום, זום, זום, זום-זום-זום,
און די קליינע, פלינקע בינען
אין די פעלדער פליען.

3

אין פאַרנאַכט צוריק אין בינשטאָק
זיינען זיי געקומען,
אַהיים געבראַכט דעם זיסן האָניק
אָנגעזויגט פון בלומען.

זום, זום, זום, זום-זום-זום,
זום, זום, זום, זום-זום-זום,
אַהיים געבראַכט דעם זיסן האָניק
אָנגעזויגט פון בלומען.

24. טרו-טרו-טראָ.





1

טרו—טרו—טראָ!
דער פֿרילינג איז שיים דאָ,
ער רופֿט אונדז צו צום פֿענצטער,
זעט, קינדער, כ'בין דער שענסטער,
יאָ, יאָ, יאָ,
דער פֿרילינג איז שיים דאָ!

2

טרו—טרו—טראָ,
דער פֿויגל איז שוין דאָ,
ער קומט צו אונדז שיים ווידער
און זינגט אונדז נייע לידער,
יאָ, יאָ, יאָ,
דער פֿויגל איז שיים דאָ!

3

טרו—טרו—טראָ!
דאָס בלימל איז שיים דאָ,
מיר וועלן גיין אין גאָרטן,
עס וואַקסן בלומען דאָרטן.
יאָ, יאָ, יאָ.
דאָס בלימל איז שיים דאָ!

25. גאָלדענע שטראַלן.





2

סײכעלעך ברומען,
ס׳הױיזן זיך בלומען,
שײן איז די װעלט,
שײן איז די װעלט,
קלײנינקע קינדער,
לױפֿט זשע געשװינדער,
ס׳רופֿט אײך דאָס פֿעלד,
ס׳רופֿט אײך דאָס פֿעלד!

1

זעט װי עס פֿאַלן
גאָלדענע שטראַלן
גלײך אַף דער ערד,
גלײך אַף דער ערד,
פֿײגעלעך שפּרינגען,
פֿליִען און זינגען,
קינדערלעך הערט.
קינדערלעך הערט.

26. פֿרילינג אין גאָרטן.



1

ס׳קומט דער שײנער ליבער פֿרילינג,
מיר אַרבעטן אין גאָרטן,
גראָבן בײטן און פֿאַרזײען ⎫
זױמען אַלע סאָרטן. ⎭ 2 מאָל

2

אַרבעטן צוזאַמען קינדער
טײלן זיך אַף רינגען,
נים געטראַכט און גיט געשלאָפֿן. ⎫
און דערבײ געזונגען ⎭ 2 מאָל

3

קלינגט אין גאָרטן אונדזער לידל,
ביז די זון גײט אונטער,
אָט אַזױ — אין שפּיל און ארבעט ⎫
װאַקסן מיר געזונטע. ⎭ 2 מאָל

27. ציף-צוף.



1

אף די בוימער,
אין די שטראַלן
זיצן פֿייגעלעך
און זיי שאַלן.
בויען נעסטעלעך
זיך קליינע
און זיי זינגען
לידער שיינע
ציף-צוף...

2

דאָרט, ווו ס׳וואַקסן
גרינע גרעזלעך,
דאָרט, ווו ס׳שפּרינגען
פֿלינקע העזלעך,
דאָרט איז אונדזער
היים די שטילע,
דאָרט איז אונדזער
היים די שטילע.
ציף-צוף...

3

אינדערהיים
גענוג געזעסן,
ס׳איז שוין צייט
פֿרישטיק עסן.
לאָמיר פֿליען
פֿון נעסט אַרויס
פּיקן קערנער
קליין און גרויס
ציף-צוף...

4

נאָך דעם זיסן,
זאַטן מאַיכל
פֿליען מיר
צום קלאָרן טייכל,
אײַלן זיך
דעם דורשט צו שטילן
מיט א טרונק
אַ פֿרישן קילן;
ציף-צוף...

28. אַ ליד פֿון ערשטן מאַי.



1

ס׳קלינגען אין רייען די לידער,
דאָס איז דער ערשטער מאַי,
אַרבעטער קלייבט זיך צוזאמען, | 2 מאָל
פריילעך זייט אלע און פריי. |

2

די גאַס איז אין פאָנעס און בלומען,
גרויס איז דער יאָנטעוו און פריי,
ווייסט איר ווער איז דאָס געקומען? | 2 מאָל
דאָס איז דער ערשטער מאַי! |

29. ערשטער מאַי.



1

קינדער, מיר זיינען היינט פֿריילעך און פֿריי,
געקומען אַ יאָנטעוו, דער ערשטער מאַי. } 2 מאָל

2

רויטשינקע באַנטיקעס שפּיליען מיר אָן,
און אין דער הענטל האָט יעדערער אַ פֿאָן } 2 מאָל

3

מיר זינגען אַ לידל און שטעלן זיך אויס,
און מיט אַ פּייקל געגאַנגען פֿאָרויס. } 2 מאָל

4

קינדער מיר זיינען היינט פֿריילעך און פֿריי,
געקומען אַ יאָנטעוו, דער ערשטער מאַי. } 2 מאָל

30. ערשטער מאַי.





1

ס'איז דער ערשטער מאַי געקומען,
אין די גאַסן פאָנעס, בלומען,
יאָנטעוודיק און שיין,
זעט, די ארבעטער מארשירן
און מיט זיך די קינדער פירן,
גיכער קומט צוגיין!

2

פריילעך גייען מיר מיט לידער,
און די אונטערדריקטע ברידער
שיקן מיר אַ גרוס,
זעט בא אונדז די אויגן גלאַנצן,
ווילט באפרייען זיך אינגאַנצן?
גייט מיט אונדז אין פוס!

3

לאַנגע, גלייכע שורעס גייען
און אין לופטן פריילעך וויען
פאָנעס הויך און רויט,
לאָמיר גיכער גיין, געשווינדער,
כאָטש מיר זיינען קליינע קינדער,
מיר זיינען שטענדיק גרייט!

מחיר 1 ר. 20 ק.